Anna № 72.

ראַדאָם! דאָס בעריהמטע אָרקעסטער־פּאַרל לילית און גאָדיק טרעטען־אויף נאָר אויף איין גאַסטשפּיל א. נ. „האַפּליא מיר לעבען"! (זעה זייט 10) קעלץ!

Radomer-Kielcer Leben № 41 (281) „Nal. poczt. uiszczono ryczałtem מאָנטיק [illegible] VI-ער יאָהרגאַנג

Radom Piątek 18 Października 1929

ראַדאָם, פרייטאָג ערב סכות י"ד תשרי תר"צ

פרייז 25 גראָשען.

Redakcja i Admistracja
Radom, Szwarlikowska 20.

*Oddział w Kielcach.*

# ראַדאָמער-קעלצער לעבען

אַנאָנסען פּרייזן

אין פּעליטעטער שורה: פּאַר'ן טעקסט [illegible]
" " " אין " " 60 "
" " נאָכ'ן " 25 "

[illegible]




## DETALICZNIE

| | | |
|---|---|---|
| KALOSZE | damskie na ciepłej malin. podsz. zł. . . | 10.40 |
| | męskie " " " " " . . | 11.70 |
| ŚNIEGOWCE | damskie na podsz. ciepł wierzch jersey czarny z aks. wyłog. i klamrą zł. | 15.80 |
| | damskie, wierzch. z garbad. czarnej lub bronz. z aks. wyłog. i klamrą zł. . . . . | 18.— |
| | damskie, całe z gumy, szare, czarne lub beige, z przesuw. guzikiem zatrz. zł . . | 20.— |
| BUTY | czarne, szare lub beige z błyskaw. zamknięcie zł. . . . . | 38.— |

Żądajcie wszędzie tylko marki „PEPEGE"
z podkową!

Z DOBRYCH NAJLEPSZE
Z ŁADNYCH NAJŁADNIEJSZE
Z ELEGANCKICH NAJELEGANTSZE

1924 B.I.R.C. RIGA QUADRAT



ŚNIEGOWCE I KALOSZE
MARKI
„QUADRAT"

PRZEDSTAWICIEL
E. TUWIM
WARSZAWA, ul. LESZNO №12, tel. 61-04

איז יעדען יודישען הויז!
ווערט איבעראל געברויכט
די בעריהמטע פלאַנצען־פּוטער
AMADA
Generalne Przedstawicielstwo na całe Wojew. Kieleckie
J. ZYLBER, RADOM, DŁUGA 5, tel. 580.

# Kupiecka Spółdzielnia Kredytowa Z ODP. OGR.

## w Radomiu, ŻEROMSKIEGO (Lubelska) 9

מאכט בעקאנט, אז די באנק נעמט אן: אינקאסא-וועקסלען, פראכטען, חקלאדען, ערטיילט ו.הלואות, מאכט דיסקאנטא און ערלעדיגט אלערליי באנק-אפעראציעס. :—: די באנק איז בעקאנט מיט איהרע רעעלע און פינקטליכע בעהאנדלונג. אינקאסאס ווערען אויסגעצאהלט אין זעלבען טאג. :—: די באנק נעמט אן אינקאסאס אויף גאנץ פוילען און אויף פאלגענדע שטעדט מיט דעם פרייז פון 1 זל. פאר א שטיק: לאדז, ווארשא, קאטאוויץ, פשיטיק, זוואלין, שידלאוויעץ, אילזשא.

גלייכצייטיג מעלדען מיר, אז לעצטענס איז אין אונזער באנק אדורכגעפיהרט געווארען א קאנטראל פון דעם צענטראלען רעוויזיאנס-פערבאנד אין לעמבערג. דער רעווידענט האט פעסטגעשטעלט, אז אונזער באנק ווערט געפיהרט אין בעסטער ארדנונג, און אויף דעם יסוד איז אונזער ספולדזיעלניא אנגעשלאסען געווארען דעם 15/9 אלס מיטגליד אין לעמבערגער רעוויזיאנס-פערבאנד פאר קאאפעראטיווע בענק. ווי אויך אין דער צענטראלער באנק אין לעמבערג. אונזער ספולדזיעלניא ווערט אזוי ארום אנערקענט אלס אפיציעל-געזעצליכע און געזעלשאפטליך-לעגאליזירטע באנק צוגלייך ווי די גרעסטע בענק אין ראדאם.



## מיר פערעפענטליכען דעם פסק דין פון ראדאמער רב שליט"א פירמא „פראדוקט" אין ראדאם.

וועגען די טענות ותביעות צווישען די פירמא „פראדוקט" און ה' יצחק רובינשטיין אויס ראדאם, צוליב די פערשפרייטע רכילות אויף די פירמא „פראדוקט" ביים פערקויפען מעהל פון די פירמא „זיצער" אין לובלין איז ארויסגעגעבען געווארען פאלגענדער פסק-דין:

ה' יצחק רובינשטיין איז מחויב צו בעצאהלען קנס אויף די דאזיגע אינסטיטוציעס: „עזרה", „הילפס-קאמיטעט פאר די גליטענע אין א"י" און „שומרי שבת והדת" פאר יעדע צו 36 זלאטעס, 50 זל. פאר די געריכטס-קאסטען וואס זענען געמאכט געווארען דורך די פירמא „פראדוקט" און די קאסטען פאר פערעפענטליכען דעם פסק אין צייטונג. די פירמא „פראדוקט" דארף בעפרייען ה' יצחק רובינשטיין פון יעדע פרעטענזיע און טענות.

ועש"ק שובה פ' האזינו תר"ץ.

יחיאל הלוי קעסטענבוים אב"דק ראדום.



## ס'ווערט געזוכט סקלעפאווע

אין געשעפט

אין געשעפט פון דאמען-קאנפעקציע וואולף, לובלינער 28.



מיט אונזער שוועסטער און שוועגערין פערעלע פריידאס צו די פערלאבונג פון איהר היים-געליבטען זוהן מאניעק מיט אונזער קוזינקע פרל' מאניע ביינערמאן פון אסטראוויצע, מיר ווינשען דעם פערלאבטען פארל א גליקליכע צוקונפט.

יעקב מאשקאוויטש און פרוי.



טעאטער „ראזמאיטאשטשי" ראדאם.

## נאך 2 מאל וועט אויפטרעטען

די בעריהמטע קינסטלערין, מיטגרינדערין און לייטערין פון ו. י. ק. ט.

# אידא קאמינסקא

זונטאג 20 אקטאבער **פעדארא** (די סודות פון צארישען הויף)

מאנטאג 21 אקטאבער **פריילין מאליטשעווסקא**

אין געמען אנטייל: אלינא סטערניצקא, רחל טורקאוו, מאיר מעלמאן, ניסן צוויג, נחום טרייסט, מ. מעסינג, חיים גאלדזאדער. — — אנהויב פינקטליך 8 אזייגער.



# Kino „NOWE CZARY" Teatr

אכטונג! ספעציעל אויף סוכות, כדי אונזערע שטענדיגע בעזוכער זאלען האבען א אמת'ע עונג יום טוב אכטונג!

האבען מיר אויסער א פרעכטיגען אמעריקאנישען פילם, וועלכער איז אנערקענט געווארען אלס דער גרעסטער וועלט-שלאגער אונטער דעם טיטול

## „דער חלום וועגען ליבע"

אראפגעבראכט דעם לאנג-ערווארטעטען יודישען פילם

לויט'ן ראמאן פון **אפאטאשו**

# אין די פוילישע וועלדער

רעזשיסירט האט דעם פילם **טורקאוו**

אין די הויפט-ראלען:

## טורקאוו, אידא קאמינסקא, סאמבערג

און אנדערע יודישע און פוילישע ארטיסטען.

די פרעמיערע וועט פארקומען **מאנטאג** דעם ערשטען טאג חול המועד סוכות.

# ניקאלאי דער ערשטער אין א יודישער סוכה.

## (היסטארישער אנעקדאט).

נישט ווייט פון קרייצבורג געפונט זיך א גוט טרעפענהויף, וועלכעס האט געהערט צום רייכען באראן קארף.

דער דאזיגער באראן צו וועמען עס האט אנגעהערט די גאנצע אומגעגענד ארום קרייצבורג, איז געווען בעקאנט דער ארומיגער בעפעלקערונג אלס א שרעקליך קארגער מענש, וועלכער וועט זיך זיכער לאזען אויפהענגען איידער געבען א מענש צו עסען.

נישט ווייט פונ'ם גוט טרעפענהויף האט געוואוינט א רייכער יוד מיט'ן נאמען יואל טרעפער, וועלכער איז געווען א גרויסער גביר, און א בעל-צדקה. געפיהרט א זעהר ברייט הויז און איז געווען בעקאנט אין דער גאנצער געגענד אלס א גרויסער נדבן.

יואל איז געשטאנען אין געשעפטליכער פערבינדונג מיט'ן באראן קארף און האבען צווישען זיך געפיהרט גרויסע געשעפטען, און ער האט אויך געהאט אויפ'ן באראן א געוויסען איינפלוס.

אמאהל האט פאסירט, אז דער באראן זייענדיג אין א שלעכטער שטימונג האט זיך צובייזערט אויף דעם יודען, און איהם שטארק אויסגעזידעלט. דער יוד האט געשוויגען, נישט וועלענדיג זיך איינרייסען מיט'ן באראן, אבער אין הארצען האט איהם די זאך זעהר פערדראסען און ער האט ביי זיך בעשלאסען ביי א געלעגענהייט זיך אין דעם באראן אויף א לייכטען אופן נוקם צו זיין.

און לאנג האט ער אויף אזא געלעגענהייט נישט געדארפט ווארטען.

דעם זעלבען זומער זענען אין דער דאזיגער געגענד פארגעקומען גרויסע מיליטערישע מאנעווערס, אין וועלכע עס האט זיך בעטייליגט דער קייזער ניקאלײ דער ערשטער אליין.

דאס קומען פון קייזער אויף די מאנעווערס איז אבער געהאלטען געווארען בסוד, מען האט קיינעם וועגען דעם נישט ענטדעקט, נאר פאר אלעמען האט דאס געהייסען, אז מיט די מאנעווערס פיהרט אן א גרויסער גענעראל.

פערשטעהט זיך, אז פאר'ן יודישען גביר איז דאס קיין סוד נישט געווען די נאטשאלסטווא מיט וועלכע ער איז געווען גוט בעפריינדעט האט איהם אין געהיים פערטרויט, אז אין דעם טאג וועט דער קייזער ניקאלײ אליין אהערקומען און וועט דא ווילען עטליכע טעג.

זייענדיג מיט דעם באראן נישט אין קיין פריינדליכע בעציהונג האט דער דער יוד איהם וועגען דעם נישט געזאגט, און דעם קייזער'ס אנקומען אהער איז פאר'ן באראן געבליבען א סוד, און ער האט געמיינט, אז דא געפינט זיך גאר עפעס א גענעראל, מיט וועלכען ער האט זיך אלס רייכער באראן ווייניג גערעכענט.

דארף פאסירען, אז אין א געוויסען טאג אין מיטען די מאנעווערס, ווען דער קייזער מיט זיין שטאב האט זיך געפונען נישט ווייט פון באראנ'ס גוט זענען זיי גראד געווען זעהר מיעד, און הונגעריג, און זיי האבען זיך געוואלט אביסעל אברוהען און עסען.

מען האט באלד דעם קייזער געמאלדען, אז דא נישט ווייט וואוינט א רייכער באראן, און דער קייזער האט בעפוילען, אז מען זאל איהם שיקען זאגען, דאס ער זאל פארברייטען א מיטאג פאר די אפיצירען מיט'ן גאנצען פולק זעלנער.

דער באראן האט זיך אבער ווייניג-וואס געמאכט פון דעם בעפעהל פונ'ם „קאמענדאנט“ און ער האט גאנץ קאלטבלוטיג געענטפערט, אז ביי איהם איז נישט קיין קאזארמע און נישט קיין מיליטערישע קוך, אין בעסטען פאל קען ער מאכען א פרישטיק בלויז פאר די אפיצירען.

דערוויסענדיג זיך פון דער תשובה פון באראן, האט יואל איינגעפינען, אז איצט איז געקומען די צייט זיך מיט איהם אבצורעכנען, ער איז דעריבער אוועק אין קוארטיר און זיך געבעטען פארשטעלען פאר'ן הויפט-קאמאנדיר (דעם קייזער) וועמען ער האט געמאלדען, אז ער איז גרייט צו געבען צו עסען און אויסצורוהען זיך פאר'ן גאנצען פולק סאלדאטען און אפיצירען.

דער קייזער האט די איינלאדונג אנגענומען און געהייסען איהם פארברייטען די סעודה, אויף א בעשטימטער שעה.

געווען איז עס גראד סוכות. ווען דער יוד יואל, וואס איז געווען א פרומער אבגעהיטענער יוד האט געהאט ביי זיך אויפ'ן הויף שטעהען א גרויסע און שעהנע סוכה, אין וועלכער ער מיט זיין פאמיליע האבען דעם גאנצען יום-טוב געגעסען.

אזוי ווי פאר דעם גאנצען פולק איז אונמעגליך געווען צו מאכען דאס מיטאג אין שטוב, האט מען איינגעארדענט דאס מיטאג אויפ'ן הויף מען האט אויסגעשטעלט לאנגע טישען צוגעגרייט מיט גוטע שפייזען, און צו דער בעשטימטער צייט איז אלץ געווען גרייט.

פונקט צו דער בעשטימטער שעה איז אנגעקומען דער גאנצער פולק מיט'ן קאמאנדיר דער קייזער ניקאלײ, אין דער שפיץ, און אנקומענדיג אויפ'ן הויף האבען זיך אלע געזעצט ארום די געגרייטע טישען און געווארט ביז דער קייזער וועט זיך אוועקזעצען.

דער קייזער האט אבער געזעהען אין דער זייט שטעהען א שעהנע סוכה מיט דעם גרינעם סכך, וועלכע איז איהם זעהר געפעהלען געווארען, און ער האט געזאגט, צו דעם יודישען נגיד. אז ער וואלט געוואלט עסען אין דער „אלטאנע“.

דער יוד איז זעלבסטפערשטענדליך געווען זעהר צופרידען פון דעם פערלאנג און באלד האט מען ספעציעל פאר'ן קייזער מיט זיין סוויטע געגרייט צום טיש אין דער סוכה און זיי האבען זיך דארט זעהר גוט אמוזירט פון די גוטע געשמאקע מאכלים.

ערשט שפעט אין אווענד האט דער פולק מיט'ן „קאמאנדיר“ פערלאזט יואל'ס הויף, און דאביי האט דער קאמאנדיר (דער קייזער) אין נאמען פון אלע אפיצירען און זעלנער אויסגעדריקט זיין דאנק דעם יודישען מכניס אורחה פאר זיין גוט הארץ און צוגעלעגט, אז ער וועט איהם געדענקען.

אין דעם מאמענט ווען דער פולק האט געוואלט פערלאזען דעם הויף איז אריינגעריטען אויף א פערד דער באראן, און מיט קיינעם זיך נישט בעגריסענדיג, האט ער זיך א לאז געטון גלייך צום קאמאנדיר און אנגעהויבען אויסרעדען אויף זיינע זעלנער וואס האבען ביי איהם אוועק געגנבעט צוויי אינדיקעס. דער קאמאנדיר האט געשמייכעלט און צוגעזאגט איהם פאר די אינדיקעס צו בעצאהלען.

מיט אייניגע חדשים שפעטער איז אנגעקומען אין הויף א „קוריער“ פון גובערנאטאר, וועלכער איז געווען געשיקט פון קייזער און ער האט געבראכט צוויי פעקלעך: איינס פאר'ן פריץ. אין וועלכען ס'איז געלעגען געלד פאר צוויי אינדיקעס. און דאס צווייטע — פאר'ן יוד יואל אין וועלכען ס'האט זיך געפינען א גאלדענער מעדאל, און א טייער גאלדענער זייגער מיט א קרוין.

ערשט שפעטער האבען זיך אלע דערוואוסט, אז דער קאמאנדיר וואס האט געגעסען אין דער יודישער סוכה איז געווען נישט קיין אנדערער ווי דער קייזער ניקאלאי דער ערשטער אליין.

ש. יעקובי.





ZAWIADOMIENIE.

Zawiadamiamy naszą Szanowną Klijentelę za wzorem lat ubiegłych. że

SKŁAD APTECZNY

F. Łagodzińskiego

w RADOMIU, Plac 3 Maja Nr. 1.

na nadchodzący sezon jesienny został obficie zaopatrzony w wielki wybór

Perfumerji i Kosmetyków

Specjalnie polecamy bogato zaopatrzony dział Środków Technicznych.

איהם ווי א צוגעשטעפּטע שטיק „האָניג“.

צי דאָס הייסט דאָס אַזוי שטאַרק געטויגט אויפ'ן אמט פון א סעקרעטאַר פאַר 8000 זלאָטעס א יאָהר (ביורעים)?

צי אפשר טויג ער זיך מיט דעם, ווייל ער קאָן הכנעה'דיג אינטערטאַנצען נישט נאָר די שיין „געקרוינטע“ „גע-זעצגעבערס“, נאָר אפילו די אַלע, פון וועלכע ער „שפּירט“ ארויס, אז זיין וועלען אמאָל זיין דאָזאַרעס?

צי אפשר דערפאַר טויג ער זיך, ווייל ער פלעגט אָנגעהאַרטע מאָמענטען, ווען אַלע בעאַמטע זענען אָוועקגעגאַנגען און דערנאָך מיט נאָכגעמאַכטע שליסלען עפענען ווייערע שענק, ארויס-לקח'נען פון דאָרט די ביכער און פאַר-שטעלען זיך פאַר די דאָזאַרעס מיט די דאָזיגע פרעמדע ארבייט, מיט פרעמ-דע „האַרעוואַניע“?

## מיטעלאַלטערליכע
## מתים-טאַרגעס.

צי אפשר דערפאַר טויג ער זיך, ווייל דאָן ווען ס'קומען פאָר אין חיס-טעניש די מיטעלאַלטערליכע מתים-טאַרגעס; ווען פון איין זייט שטעהען די קרובים פון נעשטאָרבענעם, אויסגע-מאַטערט און דערשלאָגען, ערשעפּט פון געלד און כּחות און פון דער צווייטער זייט דער אכזר פון חוטפים-טאַרט פון ניקאָליי דעם ערשטענס ציימען; ווען דער דאָזיגער צאַפּט ארויס דאָס רעשט ביסעל פון די אומגליקליכע איבערגעבליבענע ווען ער „חייזט זיי אויף“, אז לויט זיינע „אינפאָרמאַציעס“ האָט דער טויטער איבערגעלאָזט א מט-מון געלד: אַ ניי-מאַשין, א בשמים ביק-סעל, 4 לייכטערס, א חנוכה-לאָמפּ, אַ נייע שוואַרצע געהאָקטע קאַפּאָטע מיט נאָך 2 יום-טוב'דיגע בגדים און גיט זיי דערווייל אָנצוגעהערען, אַז באַם מ'וועט ביי איהם קויפען לייוועגט, וועט עס קאָסטען וועלוועלער (ברר... אמת!.. ברר...) — אז אין דער זעלבער צייט שאַרט זיך אַלע מינוט אונטער ס'גע-לע נפש און ציהט דעם „קופּעך“ ביים אר-ביל, ער זאָל ניט זיין נאָכגיעביג—ער, דער אכזר, הייסט עס, זאָל נישט זיין צו מילד און זאָל גאָרנישט נאָכלאָזען פון די טאַקסע; צי מיט דעם טויג ער זיך דאָס אַזוי שטאַרק, דער פון לובלין פאַר'ן ראַדאָמער כלל פאַר 8000 זלאָטעס א יאָהר (ביורעים)?

אויף די אַלע טענות, אויף די אַלע שאלות, אויף די אַלע פּערסוואַזיעס קריגט איהר נאָר איין איינציגע „תשובה“:

„רע טויג זעך“

ער טויג זיך — בריפּט דער ראש זייערער.

ער טויג זיך — בעפליעט נאָך אחשורוש.

**KARMELKI CZEKOLADOWE**
**G. G. L A R D E L L I**

ער טויג זיך — גרילצט נאָך די גאַנ-צע אונקריסישע מחנה:

„ער טויג זיך“!

נו! האָט ער זיך טאַקי געטויגט:

האָט טאַקי דער דאָזאַר ש. אַראָב-געשיפּעפּרט אין די טיעפע חיוען-פּאַ-לעס אריין עטאַט-געלדער, ביז דער בוכפיהרער האָט עס ענטדעקט און עס איהם פּשוט מיט קונצען ארויסגעריסען, ווי א קאַץ ס'שטיק פעטס פון מויל ארויס; האָט טאַקי דער „געזעצגעבער“ דער דאָזאַר אין די פּאַדקאָוועס „פּער-געסען“ א רעשט צו געבען פון די מתן-בסתר-געלדער, ביז דער בוכפיה-רער האָט א'ם פּשוט ווי מען זאָגט עס „ביי די קליאַפּעס אָנגעהאַפּט“ און ווען דער בוכפיהרער האָט איהם געפּאַקט דעם פּאַרשוין פון לובלין „אויף די הייסע מינוט“, ביי געטרח'ענטע קאָסע-קויטלעך און איהם מקיים-פּסק געווען טאַקי אויפ'ן ארט איז זיך די מחנה צונויפגעלאָפען נישט-פויט, נישט-לעבע-דיג, מתיעץ געווען זיך דריי טעג און דריי נעכט און מחליס געווען. אַז למען השלום, פון שלום-וועגען, הייסט עס ואָל... דער לובלינער מפייס זיין דעם בוכפיהרער און שאַ—שטיל — שאַ, שאַ.

ש-ש-אַ—אַ—אַ—אַ

פרעגט איהר די מחנה: נו, וואָס זאָגט עטץ יעצט?

צי טויג ער

צי טויג ער זיך

צי זעהט איהר נישט, אַז ער נאַרט אייך אַלע אָז, אז ער לאַכט פון אייך אין די פויסטען אריין; וואָלט איהר איהם נאָר אָנגעמאָסטען גוט מיט די אויגען, וואָלט איהר ארויכגעדרונגען מיט אייער בליק זיין גאַנץ וועזען, וואָלט איהר נישט בעדאַרפט צו זיין קיין גרויסע פּסיכאָלאָגען אום צו דער-זעהען, אז דער פאַרשוין געהער צו די דאָזיגע קאַטעגאָריע טיפּען פון די צאַרישע צייטען, וועלכע פלעגען זיך אריינבעקומען אין די סאָציאַליסטישע רייהען, בכדי דערנאָך ארויסצוגעבען זיי וועמען מען דאַרף.

**KARMELKI OWOCOWE**
**G. G. L A R D E L L I**

צי זעהט איהר נישט, דאָס וואָס ס'האָט דערזעהען נישט קיין קהל'שער „שהוער“ נאָר א געוועהנליכער בעאַמ-טער אין מאַגיסטראַט, וועלכער, ווי נאָר ער האָט איהם אָנגעקוקט — האָט ער א זאָג געטוהן:

„nie wiem, co to jest, ale temu osobnikowi źle z oczu patrzy“

צי זעהט איהר דאָס אַלץ ניט, „כאַ-טעס“ פון די שנאָרס?

צי אפשר זעהט איהר יאָ, נאָר איהר האָט מורא פאַר איהם, אפשר ווייסט ער „צופיעל“? אפשר האָט דער בער דעם פּאָסטוך און נישט דער פּאָסטוך דעם בער? (דער לובלינער תכשיט פאַר 8000 זל. א יאָהר (ביורעים) האָט שוין געסטראַשעט די „טאַטעס“ פון שטאָדט מיט דמים בראשו, ס'הייסט, אַז וועבאַלד וועמ פון זיי ס'וועט מיט איהם טשע-פּען וועט ער מיט'ן קאָפּ בענאַהלען. דאָס איז שוין געווים נישט קיין פּשוט-ער ענין).

די קוקען זיי זיך איבער, די תור-רוס'עס, ווי זיי וואָלטען געוואָלט זאָ-גען: א פערד האָט א גרויס מויל און קאָן ניט רעדען און א מענש האָט א קליין מויל און קאָן ניט רעדען; באַלד אָבער שטעלען זיי זיך אויף די קעל-נער און צוקריכען זיך. יעדער אין א בעזונדער ווינקעל. ארייִנשמייכלענדיג שעלמיש אין די בערד אריין און אונ-טערפּאָנפּלענדיג מיט א ניגון:

„רע טויג זעך“ אָבער פאַ—ריט!

האָט ער זיך טאַקע געטויגט, האָט ער טאַקע „וואויל“ געפיהרט ביז... אַזוי לאַנג און אזוי ברייט ביז די גמי-נע-ביכער זענען ארויפגעטראָגען גע-וואָרען אין סטאַראָסטוואָ.

טאַקע באמת ווערטה פאַר אונז „אר-בייט“ 8000 זל. א יאָהר (ביורעים).

(פאָרטזעצונג קומט)

**מ — ר.**





## בעקאַנטמאַכונג.

איך מאַך בעקאַנט דעם ג. ראַדאָמער פּובליקום, אַז אויף די אָנקומענדע ימים-טובים איז מיין געשעפט פערזעהן מיט א גרויסען אויסוואַהל קידוש-וויינען, „כרמל“-וויינען, בראָנפען און ליקערן.

גלייכצייטיג מאַך איך בעקאַנט, דאָס שבת און יו"ט בעקומט מען ביי מיר פלעשלעך ביער אויף קוויטלעך, וואָס ווערען אויסגעקויפט פרייטאָג, אָדער ערב יו"ט. איך שיק אויך אָב ביער פון אַלע פירמעס צום פּרייז 10 זל. פאַר א יעדינקע צוזאַמען מיט פלימפלעך.

מיט אכטונג **ה. לאַנדאַ** ראַדאָם, וואַלאָווא 35.

*Od wielu lat już istniejące*

# Biuro Próśb
TŁOMACZEŃ i PRZEPISYWAŃ

p. f. „PROLITEX“

RADOM, WAŁOWA 5. oficyna I-e piętro.

USKUTECZNIA

**Podania, skargi, opozycje, apelacje w sprawach cywilnych, karnych,** wojskowych i paszportowych oraz **rekursy do wszystkich urzędów państwowych i administracyjnych**

**KORESPONDENCJA HANDLOWA**

umowy i punkt. przedrejentalne

## פון ראדאמער הילפס-קאמיטעט פאר די געליטענע אין א"י.

### װענדונג צו די זאמלער, צו די פערמעגליכע יודישע ספערען אין ראדאם.

מיר האבען דעם כבוד צו מעלדען דער יודישער עפענטליכקייט פאלגענדעס: מיר האבען בעשלאסען צו ליקװידירען אונזער אקציע און פ'ביורא דעם 25/x ד. י. מיר בעטען אלע בעטייליגטע אין דער זאמלונג זיי זאלען אונז חומ'ס צושטעלען די געזאמעלטע געלדער מיט די מאטעריאלען, בכדי מיר זאלען קענען צו דער בעשטימטע צייט ליקװידירען דאס ביורא. מיר אפעלירען אויך צו אלע פערמעגליכע פערזאנען און פירמעס, װאס האבען זיך נאך ביז יעצט נישט בעשטייערט זיי זאלען פרייװיליג איבערגעבען זייערע נדבות אין אונזער ביורא, אדער אונזער פרעזעס דעם ה' איתמר אדלער. זאלען די נעמען פון פערמעגליכע יודען נישט פעהלען און דער רשימה פון די שפענדער פאר אין דעם העכסט הומאניטארען און נאציאנאלען ציעל.

### בעריכט אין „ראדאמער לעבען".

א יענויער בעריכט װעט איבערגעבען װערען אין צװייטען נומער פון „ראד. לעבען", אין װעלכען ס'װעלען פיגורירען אלע מנדבים און נאטירליך װעלען פעהלען די נעמען פון די, װאס האבען נישט בעװיזען זיך אנצורופען אויף אונזערע אפעלען.

### רעיעסטראציע פון פאהרען צום בלימעל.

מיך בעטען זיך גלייך צו רעיעסטרירען אין אונזער ביורא צום אנטיילנעמען אין בלימעל-פערקויף, מיטװאך חומ'ס דעם 23/x; מיט'ן בלימעל שליסען מיר די זאמלונג.

### ענטשעדיגונג פאר דער פרוי ה. בירענבוים אין ראדאם.

אויף סמך פון א בעשלוס געפאסט ביי פולער איינשטימיגקייט פון אונזער ענזעקוטיװע און אקצעפטירט דורכ'ן װארשאװער צ. ק. װעט אין די נאהנטסטע טעג אונזערס א דעלעגאציע בעזוכען די פרוי העסי בירענבוים פון ראדאם, װעמענס זוהן ס'איז געפאלען, פערטיידיגענדיג העלדיש „ימין משה" (חיים בירענבוים, אפאטאװסקי ז"ל) און איהר אויסדריקען מיטגעפיהל צום פערלוסט, אויסזאהלענדיג איהר אלס איינמאהליגע שטיצע 500 זל. גלייכצייטיג האבען מיר אנגענומען שריט ביי די מאסגעבענדע א"י פאקטארען, אז די פרוי ב. זאל בעקומען איהר ענטשעדיגונג פון דער א"י-רעגירונג. מיר האבען זיך װעגען דעם ענין געװענדעט צו דער הנהלה הציונית, ועד הלאומי, הסתדרות העובדים און צום אדװאקאט חיים קראנגאלד, ירושלים.

פאר דער עגזעקוטיװע

פרעזעס: איתמר אדלער

װיצע-פרעזעסען:

יחיאל פרענקעל, מנחם הארחיץ

סעקר.: י. צ. שטאטהיינער.


# Biuro Próśb — p. f. — EXPRESS

w RADOMIU, przy ul. LUBELSKIEJ Nr. 27.

Podaje do publicznej wiadomości, że Biuro załatwia wszelkiego rodzaju podania i odwołania do wszystkich władz państwowych i komunalnych, korespondencję handlową, krajową i zagraniczną, tłomaczenia z języków obcych, sporządzanie bilansów, budżetów, umowy i kontrakty a także przepisywanie na maszynie.

Przy biurze, które zostaje prowadzone pod kierownictwem sił rutynowanych i fachowych, otwarty został dział zleceń i informacji i handl.

Ceny możliwie przystępne.



אזוי װי מיר לעבען איצט דורך שװערע צייטען און יעדער גראשען, װאס מיר װילען אויסגעבען, מוז זיין גענוג בערעכענט, האלטען מיר פאר פאסיג אויפמערקזאם צו מאכען דאס גרעסטע פובליקום, אז אויב איהר װילט באמת שפארען געלד און אויסנוצען די געלעגענהייט אינצוקויפען טיש-, בעט- און לייב-װעש, דאן

קויפט נור WIDZEWSKIE O, K, -סחורה.

נישט קוקענדיג דערויף, װאס די דאזיגע סחורה װייזט אויס פון ערשטען בליק צו זיין טייערער װי געװעהנליכע

באצאהלט זי זיך אבער פיל-פאר א דאנק איהר דויערהאפטיגקייט

זי איז אפילו פראקטישער און שענער פאר ריינע ליינען-סחורה.

פאר דעם גאראנטירען מיר מיט א פולען געװיסען, און מיר בעטען יעדען איינציגען נישט דורכצולאזען די געלעגענהייט און זיך צו איבערצייגען אין די מעלות פון אונזערע סחורות.

# WIDZEWSKA MANUFAKTURA

SPÓŁKA AKCYJNA

Łódż.

CAŁY RADOM ZGODNIE DZIŚ MÓWI

PRZEZ ŚWIĘTA KAŻDODZIENNIE
WIELKA PREMJERA
Największego arcyfilmu sezonu
P. T.

ŻE NAJLEPSZE FILMY SEZONU

NIEŚMIERTELNA MIŁOŚĆ
Realizacja genjalnego George Fitzmanrice.
**To druga wielka parada lecz powietrznej armji.**
To film który pochłonął miljony i całą oskardę angielską lotniczą
To film który porwie i oszołomi każdego widza
To dramat potężnego uczucia które zakwitło wśród grozy największej wojny świata.
Cudny, przepiękny niezapomianiany film
W ROLACH GŁÓWNYCH 2 sławy ekranu
COOLEN MOORE
i HARRY COOPER
To zaliczony do największych szlagierów sezonu.

DEMONSTRUJE TYLKO Kino ODEON

ODEON POSIADA Najlepszą ORKIESTRĘ z 10-ciu osób.

## צוויי ראדאמער דאזארעס קעמפפען איבער א קרקע.

צוויי ראדאמער דאזארעס האבען בעקומען פון זייערע מאמעס אנ'אנזאג, אז איבער 120 יאהר זאלען די זיהן זייערע ברענגען זיי צו זייער אייביגער רוה נעבען א בעשטימטען קבר פון א היגע אשה צדקנית. דערביי האבען די מאמעס פון די דאזארעס געוויזען אנגעוויזען דעם נאמען פון זייער שכנ'טע אין אויף וועלכען ארט.

היות ווי איינער פון די צוויי דאזארעס הענעך ווינטרויב אין דער גאנצער פארוואלטונג פון דער בית-עלמין-אבטיילונג אין גמינע, איז איהם גאנץ לייכט געווען מקיים צו זיין די צוואה פון זיין מוטער. ער האט, נעמליך, געמאלדעט זיינע אונטערטהעניגע, ס'הייסט די בעאמטע אין גמינע, אז ער רעזערווירט אויף לאהר מאה ועשרים שנה א קרקע פאר זיין מוטער ביים קבר פון דער פערשטארבענער אשה צדקנית פייגע הענע זילבערשטרום.

צו דער זעלבער צייט האט די מוטער פון צווייטען דאזאר נטע ווייסמאן פערלאנגט פון איהר זוהן, אז לאחר מיתה זאל דער זוהן איהרער זיך בעמיהען צולייגען זי נעבען דער זעלבער צדקת פייגע הענע, וועלכע איז א גרויסע מיוחסת, אנ אייניקעל פון גרעסטען מקורב פון קאצקער רבי'ן, ר' הירש טאמאשאווער, געוועזן די פרוי פון דעם ביז היינט נאך נישט פערגעסענעם אמת'ען חסיד און בעל מידות טובות ר' חיים לייבוש שוחט ז"ל און דער עיקר — יחוס-עצמה מיט וואס די פערשטארבענע פייגע הענע האט זיך אויסגעצייכענט. איהרע מעשים טובים האבען געהאט א שם אין דער גאנצער שטאדט. בין איהר טיפער עלטער האט זי געקלעטערט אויף בוידעמ'ס און קעלער'ס, וואו זי האט געשפייזט די געזונטע און געטיילט רפואות די קראנקע. חוץ דעם האט זי בעוואויגען אויך אנדערע מענשען צו טוהן חסד און צדקה. נישט אומזיסט האבען די מאמעס פון ביידע דאזארעם אזוי געשטרעבט צו זיין די שכנטעס פון דער דאזיגער אשת חיל און טאקע נישט אומזיסט האבען די זיהן געוואלט אזוי הייס מקיים זיין כבוד אם אויף אזוי פיעל, אז צוליב דעם איז אויש צווישען די צוויי חבר'ישע דאזארעס אויסגעבראכען א שטארקער קאמפף.

און אט וואס איז געשעהן:

די פאריגע וואך איז געשטארבען די מוטער פון דאזאר נטע ווייסמאן. ביים ערלעדיגען די פארמאליטעטען אין גמינע האט ה' ווייסמאן קאטעגאריש פערלאנגט א קרקע נעבען דער פערשטארבענער פרוי פייגע הענע זילבערשטרום. דא אבער האבען די בעאמטע אויסמערקזאם געמאכט, אז דאס ארט איז רעזערווירט. אויף דעם באדען איז ענטשטאנען א קאנפליקט צווישען די צדדים. אין רעזולטאט פון וועלכען עס איז צונויפגערופען געווארען א זיצונג פון דער גמינע-פערוואלטונג, איבערהויפט פון די מיטגלידער פון דער „פאגזשעבאווע"-קאמיסיע, וואו דאס רוב שטימען האט זיך ארויסגעזאגט צום גינסטען פון ה' ווייסמאן. דער באשייד איז געווען, היות ווי ה' ווינטרויב האט פאר די קרקע נישט בעצאהלט, איז דאס ארט פריי און איז צוטריטליך פאר דעם, וואס וויל עס קויפען. ה' מוליער האט געהאלטען, אז אין דעם פאל דארף האבען א דאזאר א פריווילעגיע — און דאס ארט געהערט צום ה' ווינטרויב, וועלכער האט עס קונה געווען מיט'ן בלויזען זאגען. די מעהרהייט און צווייסט די האנדווערקער-פרנסים האט אבגעווארפען דעם פריווילעגיע סיסטעם, ערקלערענדיג, אז ווען דאס זאל גילטען קאנען אלע פרנסים אויפ'ן בלויזען ווארט רעזערווירען פלעצער. און אזא ארדנונג וואלט פשוט געשאפען א קאמי'שע לאגע.

לויט'ן בעשלוס פון דער קאמיסיע און פארשטעלענדיג א צייגניש פון דער גמינע האבען די קברנים גענומען גראבען דאס קבר לויט'ן וואונש פון ה' ווייסמאן. אבער דא האט עמיצער צוגעטראגען דעם ה' ווינטרויב און יענער איז תיכף ארויפגעפאהרען אויפ'ן בית-החיים און פערווערט צו גראבען דאס קבר. די קברנים, געפינענדיג זיך אין גרויס פערלעגענהייט, ווען פון די דאזארעס צו האלכען, האבען אוועקגעלעגט די כלים, בלייבענדיג ווארטען, אז די צדדים זאלען זיך פערגלייכען. עס איז אלזא געבליבען, אז ביידע דאזארעס זאלען אראב אין שטאדט און האלטען א דין-תורה.

ה' חיימאן האט, וועלענדיג זיין זיכער, אז ביז'ן פסק וועט נישט פארקומען עפ"ס „נייעס" האט געשיקט זיינע קינדער האלטען די דין-תורה און אליין איז ער געבליבען היטען דאס ארט.

ה' ווינטרויב מיט די אייניקלעך פון מת זענען אוועק צום קויפער רב. אבער דער לעצטער האט נישט געוואלט נעמען אויף זיך און ארויסגערופען דעם צווייטען ב"ה — ר' שכאל טייטעלבוים. דער ראבינאט האט לאנג געזוכט און, נישט געפינענדיג קיין דין

ברענג א גאסט פון ארץ-ישראל
אין דײַן סוכה אריין
קויף
„כרמל"-ווײַן
פון אונזער לאַנד.

קאָאָפּעראַטיװע האנטװערקער באַנק מיט באגר. פאַראַנטװאָרטל.
אין ראַדאָם, לובלינער 31.

דינסטיק דעם 22-טן פּאַזשדזשערניק (אין 2-טן טאָג חול המועד סוכות) 7 אָװנט װעט אין לאָקאַל פון האנטװ. קלוב װאָעל 59 פאָרקומען
א אױסערגעװײנליכע אַלגעמײנע פאַרזאַמלונג
פון די מיטגלידער. געװידמעט דעם אינטערנאַציאָנאַלן אָפּשפּאָר-טאָג װאָס קומט פאָר יעדעס יאָר דעם 31-טן פּאַזשדזשערניק. — די מיטגלידער װערן געבעטן מאסענװײז צו קומען.
די פאַרװאַלטונג.

א האַרציגען יישר כח דריקען מיר אויס דעם ה' ישראל צוױיגענבערג פאר זײַנע תפילות יום-כפור, װעלכע האָבען אונז טערשאַפט מיט זײער מתיקות א גײַסטיגען פערגעניגען. ה' צװײַגענבערג האָט דאָס געלד פאַרן דאַװנען אָפּגעשענקט לטובת די געליטענע אין א"י, פאַר װאָס ס'קומט איהם א בעװונדערען יישר כח.
די גבאים פון דער חברה „חיי-אדם"
— — אין ראַדאָם. — —

# בעקאַנטמאַכונג.
די סוחרים-באַנק אין ראַדאָם (BANK KUPIECKI)
מאַכט בעקאַנט איהרע מיטגלידער, אַז די
# אַלגעמײנע פערזאַמלונג
װעלכע האָט געזאָלט פאָרקומען ד. 20 ה. ח. איז אָפּגערופען געװאָרען.
די באַנק װעט שפּעטער מודיע זײַן, װען די אַלגעמײנע פערזאַמלונג װעט פאָרקומען.

TEATR ROZMAITOŚCI | REWJA | W SOBOTĘ dn. 19 | X 1929 r.

# POZNAŃSKA

Po objeździe calej polski wystąpi jeden raz z najnowszą rewją p. t.
**„Coś dla każdego"** z ostatniego repertuaru teatru „Morskie Oko" w Warszawie.
Na czele zespołu — **Antoni Kaczorowski.**

# בעקאַנטמאַכונג.

דאַמיט מאַכען מיר בעקאַנט ד. ג. פּובליקום אין ראַדאָם און אומגעגענד דאָס פון 17/IX ד. ח. איז געװאָרען געעפענט א באַנק
א. נ.
# SPÓŁDZIELCZE TOWARZYSTWO WZAJEMNEGO KREDYTU
z Ograniczoną Odpowiedzialnością
**Radom, Lubelska 40** אויף דעם ערשטען שטאָק

די באַנק מאַכט אַלע באַנק-אָפּעראַציעס
װי אינקאַסעס, גיט אװאַנסען, בראַכטען, הלואות אויף די בעסטע בעקװעמליכקײַט.
אַלע אינקאַסעס װערען אויסגעצאָהלט אין זעלבען טאָג פון אײַנפלױסען—פון 9 פריה ביז $2^1/_2$ נ. מ. און פון 5—7 אָװ.
צום בעקװעמליכקײט פון די קליענטען װעלען אין די שעה'ן אויך ערלעדיגט װערען
אַלע אַנדערע באַנק-אָפּעראַציעס.

# דאָס װעט אײַך געפעלען!

דעם אמת מוז מען זאָגען, אַז אַזעלכע
# קאַפּעלושען
האָט נאָך ראַדאָם ניט געהאַט, װײל װעלענדיג זיך אײַנבאַהען א גרויסע קליענטעלע, שטעל איך זיך א מינימאַלען פערדינסט, און גיב א גוטען קװאַליטעט, הערליכע קאָלירען, װאָס מען זעהט עס אין ערגיץ ניט, מבינים זאָגען, אַז מײַנע קאַפּעלושען טראָגען זיך װידער נול. נישט אומזיסט האָב איך װאָס א טאָג מעהר קאָנסומענטער. די ריכטיקייט פון כײנעו ועוטער בעשטעטיגט מײַן פאַבריק. אדרבה, קומט און איבערצײַגט זיך און איהר בלײַבט מײַן שטענדיגער קונה.
**American**
ראַדאָם, לובלינער 5.

# Kino „CORSO" Teatr

# פון מאָנטאָג דעם 21 ה. ח.
װעט דעמאָנסטרירט װערען א ערשטקלאַסיג בילד
מיטן דעם אנטהײל פון װעלט-בעריהמטען פילם-ארטיסט
# Emil Janings
אין דעם הערליכען בילד א. נ.
# אינטריגאנט
# INTRYGANT
דאָס בילד האַלט דעם צושויער אין שפּאַנונג פון ערשטען מאָמענט אָן.
## דער „אינטריגאנט" װעט זײַן די סטנסאציע פון ראדאם
## במשך פון 8 טאג.
## אַלע דאַרפען זעהען דאס הערליכע בילד!!!

Redaktor CH. M. HERC
Drukarnia Wyd. „Radomer-Kielcer Leben", Radom, Szwarlikowska 20.